האוניברסיטה העברית בירושלים
THE HEBREW UNIVERSITY OF JERUSALEM

THE FACULTY OF HUMANITIES
הפקולטה למדעי הרוח

דעם 29סטן אפריל 1979

חשובער  ד"ר ראסקעס,

אייער בריוו פונעם 3טן אפריל איז נאר וואס אנגעקומען קיין ירושלים.מיר האבן דא געהאט א שטרייק אויף דער פאסט.

א דאנק אייך פאר דער אינפארמאציע וועגן דעם קאסאווער-ארכיוו.די אינפארמאציע איז אבער נישט גענוג אויף באלדיקע דעצידיעס און אויף קלארע תשובות אויף אייערע פראגעס.איך שיק א קאפיע פון אייער בריוו קיין ניו-יארק און איך האב איבערגעגעבן קאפיעס פון דעם בריוו דא אין ירושלים.איך האף אז איר וועט בקרוב הערן דירעקט פון אלע פאראינטערעסירטע.

מיט גרוסן,

ח. שמערוק

דעם 3טן אַפּריל 1979

חשובֿער פּראָפֿ׳ שמערוק,

פֿרײַטיק דעם 30סטן מאַרץ האָב איך, אין אײנעם מיט ד״ר מנחם שמעלצער, דעם דירעקטאָר פֿון דער סעמינאַר-ביבליאָטעק, באַזוכט פֿרוי מרדכי קאָסאָװער אין דער הײם. מיר פּרוּװן פֿאַרהאַנדלען מיט איר װעגן איר מאַנס פֿאַרבליבענעם אַרכיװ (די ביבליאָטעק האָט מען שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט אַן אוניװערסיטעט אין אַלבאַני נ״י). אַחוץ די פּאַפּקעס מיט אָנגעזאַמלטע אַרטיקלען װאָס האָבן אַ קנאַפּן װערט, האָט קאָסאָװער איבערגעלאָזט, פּידוע, אַ גרויסע זאַמלונג קאַרטלעך פֿאַר אַ ייִדישן װערטערבוך. קײן טײַטשן פֿון װערטער גיט ער ניט, נאָר ער האָט פֿאַרצײכנט, אויף באַזונדערע קאַרטלעך, אײנצלנע װערטער אָדער אויסדרוקן (קינד און קײט, שהי-פּהי) אויף אַ סיסטעמאַטישן אופֿן פֿון הויפּטװערק אין מיטל- און נײַ-ייִדיש. פֿאַר װאָס די זאַמלונג איז ניט פֿאַראײגנט געװאָרן צום גרויסן װערטערבוך איז אונדז ניט באַקאַנט. אפֿשר װײסט איר די סיבות דערפֿאַר. װי עס זאָל ניט זײַן, װילן מיר װיסן צי די קאַרטלעך האָבן הײַנט אַ װערט, אָדער זענען זײ פּשוט אַ דופּליקאַציע פֿון דײר קאַרטאָטעק װאָס געפֿינט זיך אין ירושלים בײַם גרויסן װערטערבוך. אויב די זאַמלונג איז יאָ װערטיק, לײגן מיר פֿאָר אָט װאָס: אָפּקויפֿן זי פֿון דער אַלמנה; אויסוסדרן זי לויטן אַלף-בית; מאַכן דערפֿון דרײַ מיקראָפֿילמען און פֿאַרקויפֿן אײנעם אײַך און אַ צװײטן צו אַן אַנדער אַקאַדעמישער אינסטיטוציע װאָס פֿאַרנעמט זיך מיט ייִדישער לעקסיקאָ-גראַפֿיע. איז די פֿראַגע: (1) צי דער ירושלימער אוניװערסיטעט איז גרײט צו װערן אַ שותּף; (2) צו װעמען נאָך מיר קענען זיך װענדן, און (3) צי איז די זאַמלונג בכלל עפּעס װערט.

מיר קוקן אַרויס אויף אײַער באַלדיקער תּשובֿה.

האָט מיר דערװײַל אַ כּשרן פּסח, װי עס װינטשט אײַך

דוד-הירש ראָסקעס
אָפּטײל פֿון ליטעראַטור בײַ ייִדן

קאָפּיע: ד״ר מנחם שמעלצער